**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/18/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**סטעיטמענט דורך גאווערנער האקול איבער סענאט געריכטליכע קאמיטע געהער**

"היינט האבן ניו יארקער געהאט די געלעגנהייט צו הערן דירעקט פון ריכטער לאסאַל, און די ווערטער וואס זיי האבן געהערט האבן ווידערהאלט זיין איבערגעגעבנקייט צו יושר און גערעכטיגקייט העכער אלעס. ער האט אויך מיטגעטיילט זיין פערזענליכע הונטערגרונט און זיינע פערזענליכע מיינונגען, אריינרעכנענדיג זיין שטיצע פון טיפן הארצן פאר ארגאניזירטע ארבייטער גרופעס און זיין פעלזן-פעסטע גלויבונג אין די רעכט צו באקומען אן אבארשען. ריכטער לאסאַל האט ארויסגעוויזן גענוי פארוואס ער איז דער ריכטיגער מענטש פאר די ראלע — צוליב זיין ברייטע ערפארונג, זיין געריכטליכע כאראקטער און ארנטליכקייט.

טראץ וואס עס איז געווען א גרונטליכע געהער איז עס נישט געווען יושר'דיג, ווייל די תוצאה דערפון איז שוין באשטימט געווארן פון פאראויס. עטליכע סענאטארן האבן זיך ארויסגעדרוקט איבער וויאזוי זיי פלאנירן צו שטימען אפילו בעפאר די געהער האט זיך אנגעהויבן, אריינרעכנענדיג אזעלכע וועלכע זענען לעצטנס געגעבן געווארן א זיץ אויף די נארוואס פארגרעסערטע געריכטליכע קאמיטע. כאטש די קאמיטע שפילט דא א ראלע, גלויבן מיר אז די קאנסטיטוציע פארלאנגט אז די פולע סענאט זאל אונטערנעמען שריט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418